ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר
## תורת החסידים הראשונים
חלק ב' והוא:
## ספר חסידים תנינא
(בלשון הקודש ואידיש)

**43**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשל"ג לפ"ק

ב"ה

# ספר

# חסידים תנינא

## חלק שני מספר תורת החסידים הראשונים

חברו חד מגאוני וחסידי קדמאי מרן רבינו **משה הכהן** זצוקללה"ה בן אחותו של רבינו הרא"ש ורבינו **חיים** ז"ל אשר מזכירם בהספר הזה כמה פעמים והי' חי במאה הראשונה של אלף הששי, והספר הזה הוא מלהיב נפשות ישראל לאבינו שבשמים, והספר הזה הי' מונח בכת"י בערך חמש מאות שנה באוצר הספרים באכספארד, ואנכי קניתי הזכות מהמוציא לאור המדפיס הראשון הרב הגדול בתוי"ר ר' **יועץ קים קדיש** מפרשיטיק שליט"א וכעת הוספתי עליו הגהות הערות וציונים ומ"מ מתנ"ך ומש"ס בבלי ירושלמי ומדרשים וזוה"ק ונזכר הס"ח הזה בשם הגדולים מרחיד"א בשם ספר חסידים כתב יד, וגם רבינו הטור מזכירו, ולגדול התועלת לזכות את הרבים העתקתי גם את הספר הזה על זארגאן למען יהי' יד הכל ממשמשין בו ללמוד ממנו המוסר ויראת השם ית"ש כקטן כגדול לכל עם ישראל בני אברהם יצחק יעקב יהי נועם ה' עליהם וזכות המחבר הקדוש הזה ודודיו זצוקללה"ה יגן עליכם שיהי' ברכה שלימה והצלחה רבה באהליכם

הק' **יהושע אלטר** ווילדמאן אבד"ק **קאנסקיוואליע** מלפנים אבד"ק **בילוראדקי** כעת חונה פה **ירושלם** עיה"ק תובב"א.

בעהמ"ח ספרי **עמק יהושע, בנין יהושע, ברכת יהושע, ואמרו אמן ב"ח** בלאמו"ר הרב הגאון הצדיק המפורסם ר' **אלימלך** אבד"ק **מיזאמש** וצללה"ה אשר מנוחתו כבוד פה עיה"ק **ירושלם** תובב"א נין ונכד להאי סבא קדישא הרבי ר' אלימלך בעהמ"ת ספר נועם אלימלך ולמעלה בקודש אבותי הקדושים הרמ"א והמג"ע והתוי"ט כולם זצוקללה"ה וזכותם יגן עלינו ועבי"א

אִין כּדי אַנצוּטײלִין דעם הײלִיגִין פאָלק יִשְׂרָאֵל מִיט דעם גײסטלִיכען פערגעניגִין אַז אַלע זאָלִין פאַרשטײן דִיא טײערע געדאַנקען פוּן דעם הײלִיגען **ספר חסידים תנינא** װעלכע זענען אַדערװעקִינג אוֹיף צוּ בלאָזִין דעם יוּדִישִין פוּנק צוּ אַלע מענטשִין האָבּין מִיר דעם הײלִיגען ספר אִיבּער גִיזעצט אוֹיף זארגאָן אַז יעדער מענטש זאָל דאָס פאַר שטײן לזכות את הרבים :

שנת **תר"ץ** לפ"ק

בעיה"ק **ירושלים** תובב"א

דפוס „יהודה וירושלים" מול בתי הורינשטיין

**את** זה מצאתי נדפס מהמדפיס הקודם אשר קניתיו ממנו הזכות הדפסת ספר חסידים הזה מהמוציאו לאור

וז"ל **הסכמת הצדיקים וגאוני זמננו** שליט"א ומחמת הוצאות הדפוס לא אכתוב רק שמותיהם

הק' וכי"ק כפי זמן חתימתם אשר גזרו ואסרו שלא ישיגו גבולי חן במדינה זו והן במדינה אחרת להדפיס ס"ח

הזה עם ההגהות וציונים.

בד"צ דק"ק ווארשא.

נאום **שמואל זייגוויל** קלעפפיש מו"ץ דפה ווארשא.

נאום **יצחק הכהן פייגענבוים** מו"צ.

נאום **פתחי' הארנבלאם** מו"צ.

נאום **מרדכי קלעפפיש** מו"צ.

גם אני אקח ס' חסידים **פנחס מנחם מגור.**

נאום **חיים הלוי סלאווייציק** (הוא הג' הגדול אבד"ק **בריסק**).

נאום אדומו"ר שליט"א **מראדזין.**

אדומו"ר **ר"י** שליט"א **מפילאוו.**

אדומו"ר **ר"י** שליט"א **מביאלע**

אדומו"ר **רי"א** שליט"א **מטריסק.**

אדומו"ר שליט"א **מאוסטראווצי.**

אדומו"ר שליט"א **מאמשענאוו.**

אדומו"ר **ר"י** שליט"א **מרזיקוב** (בגאליציא).

אדומו"ר **רי"א** שליט"א **מפאראסוב.**

הרה"ג **משה נחום ירושלמסקי** האבד"ק **אסטראלענקי.**

הרה"ג **ר"י** אבד"ק **פלאצק.**

וקניתי הזכות לצמיתות מהרב **יועץ קים קדיש ראקאץ מפרשיטיק** כפי השטר מכירה המונח תחת ידי.

ואיכור השגת גבול ידוע. וגם ענש יענש בפלילים. ובטוח אני בשארית ישראל לא יעשו עולה.

הק' **יהושע אלטיר ווילדמאן** אבדק"ק **קאנסקיוואליא** יצ"ו.

# ספר

# תורת החסידים הראשונים

ספר חסידים תנינא

א (א) **בן אדם** עמוד על רגליך ואעידה בך. (ב) ואתה תעשה אזנך כאפרכסת
ויכנסו דברי בהן, ואל תשליכם אחר ניווך, כי איככה תוכל וראית
באיבוד נפשך, ותושלך יחידתך, וישלטו [מלאכי חבלה] בנשמתך, ויתעוללו בזה ויתנוה
למרמס טיט וידונה ביסורין קשים וחלאים רעים, על רוע מעלליך, (ג) והוא נתנה לך טהורה
ממרום ממקור טהרה, ויושבת לבטח אתך, ועלי' נאמר (ד) אל תחרוש על רעך וגו'
לכן באתי לזרזך ולהזהירך ולהשכילך, ותמצא לנפשך מנוח אשר ייטב לך.

ב. **לאחוז** בדרכי השכל, ולעזוב דרכי הסכל, כי השכל תהילות, והסכל תהלות.
השכל מחילות, [מעלות] והסכל מעילות. השכל תענית, והסכל תאנות,
השכל תפיל [יפיל] והסכל תפול [להיצר הרע]. השכל מטיל, [לכים של צדקה
או מטיל שלום] הסכל מקלקל. השכל חכמה, והסכל מחצה השכל מזימה,
והסכל מהומה. השכלות עוז ותפארת, והסכלות צרעת ממארת. השכל יראת
השם היא אוצרו, והסכל הנה הנגע עמוק מעור בשרו. השכל עיניו בראשו, והסכל
תעלה צחנתו בראשו. השכל המה הקדושים אשר [בכל] הארץ, והסכל המה רשעי ארץ
השכל

מראה מקומות

(א) יחזקאל ב': (ב) חגיגה ג': ;(ג) נדה דף ל' ע"ב: (ד) משלי ג .

## זעהר וויכטיגע און נוצליכע לעהרנונג

א· **בן אדם** מענטש! שטעל זיך אויף דיינע פיס· און הער וואס איך וועל צו דיר רעדען· און
דו זאלסט מאכען דיינע אויערען אזוי ווי א לייעק וואס ער איז אויבען ברייט
און הינטען שמאל· און מיינע רייד זאל אריין גייען אין זיי· או זאלסט זיי נישט אוועק ווארפ'ען
נאך דיין קערפער· ווייל ווי אזוי איז מעגליך או דו זאלסט צו זעהן או דיין זעעלע גייט צום
פערלארענהייט· און דו ווארפסט אוועק דיין איינציגע נשמה· או דיא מלאכי חבלה זאלען אויף איהר
געוועלטיגען· און זאלען שפעטען פון איהר· אין זאלען איהר טרעטען אין בלאטע· און זאלען
איהר משפט'ן מיט שווערע יסורים און שלעכטע קרענק· צוליעב דיינע שלעכטע מעשים· און
זי איז דיר געגעבען געווארען פון הימעל א ריינע· פונ'ם ריינסטען קוואל· און זי זיצט רוהיג מיט
דיר· און אוף איהר שטייט [אין משלי ג] אל תחרוש לרעך רעה וגו'· דו זאלסט נישט טראכטען
קיין שלעכטס אוף דיין פריינד וואס זיצט מיט דיר זיכער· דרום קום איך דיך ווארענען און
געבען צו פערשטעהן· דערמיט וועסטו געפינען א רוהינג צו דיין זעעלע· וואס עס וועט דיר
אימער גוט זיין:

ב. **לאחוז** . דו זאלסט זיך אן האלטען אינ'ם קלוגען וועג· און זאלסט פערלאזען דעם
נארישען וועג· דען דער קלוגער מענטש איז לויבונג· אבער דער נארישער
מענטש

## ספר חסידים תנינא

השכל עלה נצה כפורחת, הסכל שאת בהרת וספחת. השכל יבלה שנותיו בנעימים, (ה) הסכל כצל לא יאריך ימים. השכל משאלותיו ימלא, הסכל והוא כרקב יבלה. השכל יודע עד מה, והסכל אינו יורע מאומה. השכל ניתן במ־ומים, והסכל בעמקי תהומים. השכל ד׳ אלקיו עמו ויעל, הסכל יורד שאול ולא יעל. השכל ימצא תאוה וחנינה, והסכל תקותו מי ישורנו. השכל בנעימים חבלו, והסכל לעלוקה גורלו. השכל יעלה מעלה מעלה, והסכל רשעים ישובו לשאולה. השכל יעטה פאר ומעיל, הסכל הבל ואין בו מועיל. השכל כל יום אל ירוממנו, הסכל עמוק עמוק מי ימצאנו. השכל (ו) יתן עידיהו ויצדקו, והסכל יד על יד יספקו. השכל יחיו ויתהללו, הסכל ימות במעל (ז) במעלם אשר מעלו. השכל עם צדיקים ישכון, הסכל איד לצלעו נכון לשכל שלום מכל פגעים, לסכל אין שלום אמר ד׳ לרשעים. לשכל ידובר דברי שלום ואמת, הסכל ע״פ עדים יומת המת. לשכל יאמר יבא שלום על משכבכם ינוחו, לסכל תפשוהו כי בן מות הוא:

בני

### מראה מקומות

ה) קהלת ח׳ : ו) ישעי׳ מ״ג : ז) ויקרא כ״ו :

## זעהר וויכטיגע און נוצליכע לעהרונג

מענטש איז אַ צומישטער, דער קלוגער מענטש איז פאַרגעבונג, אָבער דער נאַרישער מענטש איז פעלשונג, דער קלוגער מענטש קען פאַסטען, אָבער צום נאַרישען מענטש איז דאָס אַקלאג דער קלוגער מענטש מאַכט פאַלען פאַר זיך דעם שונא׳דיגען יצר הרע, אָבער דער נאַרישער מענטש פאַלט אַריין צום שונא׳דיגען יצר הרע, דער קלוגער מענטש וואַרפט אַריין געלד אין צדקה און גמילות חסד, אָדער ער מאַכט שלום צווישען מענטשען, אָבער דער נאַרישער מענטש מאַכט קאַליע אין אַלע הינזיכטען, דער קלוגער מענטש איז אָנגעפיהלט מיט קלוגשאַפט. וואָס דאָס מאַכט ערנעהרען דעם מענטש, אָבער דער נאַרישער מענטש צו שלאָגט זיך, דער קלוגער מענטש איז צו טראַכטען גוטס, אָבער דער נאַרישער מענטש איז אַ צוטומעלטער קלוגשאַפט איז שטאַרקייט און שעהנהייט, אָבער נאַרישקייט איז אַ פערפלוכטעטע צרעת, דער קלוגער מענטש איז זיין פערמעגען גאָט׳ס פאַרבטינקייט, אַבער דער נאַרישער מענטש איז די גנע טיעפער פון די הויט פון זיין לייב. דער קלוגער מענטש וועגען זיינע אויגען אין זיין קאָפּ, אבער דער נאַרישער מענטש גייט אַרוים אַ שלעכטער ריח פון זיין קאָפּ. קלוגשאַפט דאָס זעגען די היילינגע מענטשען וואָס זענען גרוים אין לאַנד, אָבער נאַרישקייט דאָס זענען די קליינע מענטשען, רשעים, וואָס זיי זענען קליין און נידעריג אינ׳ם לאַנד, דאָס קלוגשאַפט איז גלייך צו אַ בליהענדע בלעטיל. וואָס בליהט אַזוי ווי די שענע בלומען, אָבער דאָס נאַרישקייט איז פול מיט נגעים. דער קלוגער מענטש פערברענגט זיינע יאָהרען מיט זיסקייט, אָבער דעם נאַרישען

מענטש

ספר חסידים תנינא

ג. (ח) **בני** בני נתתי לפניך את החיים ואת הטוב, את המות ואת הרע, השכל הוא החיים והטוב, והסכל הוא המות והרע, והנה ראה ידעתיך מה יתרון השכל מן הסכל, כיתרון האור מן החשך, ועתה בין תבין את אשר לפניך ואחכמך:

מראה מקומות

(ח) דברים ל׳:

## זעהר וויכטיגע און נוצליכע לעהרונג

מענטש לויפען אוועק זיינע יאָהרען אַזוי ווי אַ שטן, ווייל ער האָט נישט קיין לאַנגע טעג. דעם קלוגען מענטש ווערט ערפיהלט זיינע פערלאַנגען, אָבער דער נאַרישער מענטש ווערט פערפוילט אַזוי ווי עס ווערט פערפוילט די ביינער פון אַ געשטאָרבענעם מענטש. דער קלוגער מענטש ווייס אַלץ, אָבער דער נאַרישער מענטש ווייס גאָר נישט. דער קלוגער מענטש ווערט געבעטען צו זיצען אין די העכסטע ערטער, אָבער דעם נאַרישער מענטש ווערט געגעבען צו זיצען אין די נידעריגסטע ערטער. דער קלוגער מענטש איז גאָט מיט איהם און ער גייט אַלע מאָל אויף העכער, אָבער דער נאַרישער מענטש גייט אַראָפּ צום אָבגרונד און גייט נישט אויף. דער קלוגער מענטש טהוט געפינען גלוסטקייט און לייטזעליקייט, אָבער דער נאַרישער מענטש ווערט זעהט דאָס אַז עס זאָל ערפיהלט ווערען זיין האָפענונג. דער קלוגער מענטש איז זיין שיקזאַל מיט זיסקייט, אָבער דער נאַרישער מענטש איז זיין שיקזאַל צום גיהנם. דער קלוגער מענטש גייט אַלע מאָל העכער און העכער, אָבער דער נאַרישער מענטש גייט צוריק און גרויס אַריין אויף צרות. דער קלוגער מענטש ווערט אָן געטהון מיט שעהנקייט, אָבער דער נאַרישער מענטש איז אַלץ ביי איהם נאַריש, אָן קיינע נוצען. דער קלוגער מענטש טהוט איהם גאָט דערהייבען אַלע טאָג. אָבער דער נאַרישער מענטש ווערט נידעריגער און נידעריגער אַז קיינער קען איהם נישט געפינען. דער קלוגער מענטש ברענגט עדות און ער ווערט גערעכט. אָבער דער נאַרישער מענטש קלאַפּט אַ האַנד אויף אַ האַנד פון יסורים און שמערצען. דער קלוגער מענטש לעבט און מען לויבט איהם. אָבער דער נאַרישער מענטש שטאַרבט מיט פעלשענג וואָס ער האָט געפעלשט. דער קלוגער מענטש רוהט מיט צדיקים, אָבער דער נאַרישער מענטש איז פאַר איהם אָן געגרייט אַ בראָך. צום קלוגען מענטש איז פריעד פון אַלע טרעפונגען, אָבער צום נאַרישען מענטש איז נישטאָ קיין פריעד. צום קלוגען מענטש ווערט גערעדט פריעדליכע און וואָרהאַפטיגע רייד, אָבער דער נאַרישער מענטש ווערט געטוידט דורך עדות. צום קלוגען מענטש זאָגט מען קום פריעדליך, רוה אויף דיין געלעגער, אָבער צום נאַרישען מענטש זאָגט מען האַלטעט איהם ווייל ער איז אַ צום טויט פערמשפּט׳ער

ובני

### ספר חסידים תנינא

ד. **ואחכמך** לדעת הפרש בין השכל ובין הסכל, הסכל הוא המשים עצמו כבהמה ואינו חושש, ואינו נותן לב על התורה, ועל המצות, וכל עסקיו ועניניו רק על הנאת העולם הזה, לאכול ולשתות, ולישן ולהבדות ולפטם גופם, ולעשות פימה עלי כסל, ולעננו לעדן בשרו במרחצאות ובכל מיני עדונים ותפנוקים וענוגים, במאכלים ובמשתאות, (ט) בבוקר יאמר מי יתן ערב, ובערב יאמר מי יתן בוקר, בבוקר יאמר מי יתן ערב ונאכל פטומין, בערב יאמר מי יתן בוקר ונשתה ממתקים, ונאכל משמנים, אוכל בלא נטילת ידים, ונושך פתו ככלב, בלא ברכת המוציא, שולחנם מלא קיא צואה בלי מקום, ואת ד׳ אלקיך לא דרשו, ולא יתפללו מלב, ולבם לא נכון עמם, אך מנהג אבותיהם בידיהם, ובעבור כבוד הבריות ולבם בריא באולם, משוררים ומחנגים בבית משתיהם, ואינם דואגים מיום המיתה ומיום הדין, ומדין של גיהנם, ודוחם גבוהה וידם רמה, קופצים בראש, (י) בקול הסירים תחת הסיר, לומר אף אני מן העצים, ומועלים בכל יום מאה מעילות ויותר, כאשר אוכלים ונהנים ממה שברא הקב״ת בעולמו בלא ברכה, ולא תהלה ותפלה לאלקים

### מראה מקומות

ט) דברים כ״ח : (י) קהלת ז׳ :

## זעהר וויכטיגע און נוצליכע לעהרונגג

ג. **בני.** זוהן! מיין זוהן! איך האב דיר פארגעשלאגען דאס לעבען און דאס גוטסקייט און, דעם טויט און דאס שלעכטקייט. דער קלוגער מענטש נעמט דאס לעבען און דאס גוטסקייט. אבער דער נארישער מענטש נעהמט דעם טויט און דאס שלעכטקייט. און וועה איך האב דיך געמאכט וויסען דאס גוטסקייט פון קלוגשאפט אנטקעגען דאס נארישקייט. אז דאס איז פונקט אזוי ווי עס איז בעסער דאס ליכטיגקייט אנטקעגען די פינסטערניש. און יעצט וואלסט די פערשטעהן וואס דו האסט צו טהון:

ד. **ואחכמך.** יעצט וועל איך דיר געבען צו פערשטעהן דעם אונטערשיעד פון א קלוגען מענטש צו א נארישען מענטש. דער נארישער מענטש מאכט זיך אזוי ווי א בהמה. און עס ארט איהם נאר נישט, און ער אינטערעסירט זיך גאר נישט וועגען דער תורה און מצות, און אלע זיינע בעשעפטונגען זענען נאר אויף פערגעניגען פון דער וועלט, צו עסען און צו טרינקען און צו שלאפען און צו שטאפען דעם קערפער, און צו מאכען קניימשען אויפ׳ן פעטען בויך, און און צו טהון זיך פערגעניגען, צו גלעטען זיין פלייש מיט וואנגעס און אייער, און מיט אלע סארטען פערגעניגענס פון עסען און טרינקען. אין דער פריא זאגט ער ווען וועט זיין נאכט, און ביי נאכט זאגט ער ווען וועט זיין טאג, אין דער פריא זאגט ער ווען וועט זיין נאכט וועלען מיר עסען געשטאפטע זאכען, און ביי נאכט זאגט ער ווען וועט ווערען טאג וועלען

לאלקים, ונשבעים כשם הנכבד על לא דבר, ואינם חוששים [מה שבזה גורמים] להזיק הבריות, ודוחקים רגלי השכינה בגלוי ובסתר, הן אלה דרכי רשע, [אשר הם חושבים] שנתיבותיהם לא ידע אל, זה מחשבה של רשע:

# וזה יראת שמים

ה. (יא) **ואתה** בני לא כן נתן ה׳ אלהיך בלבבך, אך מחלקם לא יהא חלקך וגורלך בגורלם, לא תבא נפשך בסודם, (יב) מנע רגלך מנתיבתם, אך כל מחשבותיך ודעיוניך רק לרדוף השכל, כיצד קיים תחילה כל מה שתוכל לדקדק מן החומש [התורה] ומן הנביאים ומן הכתובים, ואחר כך תדקדק כל מה שתוכל מן התלמוד ותקיימו מן בראשית ברא, ומכל מה שתוכל להוציא, [מכל התורה כולה תורה שבכתב וגם תורה שבעל פה מתחילתה ועד סופה], ירא את השם ועבוד אותו ואל תשים עצמך כבהמה ליתן עסקיך על הנאת העולם הזה, שהוא חיי שעה, כי אם אתה היום כאן ומחר בקבר, כחלום יעוף ואיננו, (יג) אך שא עיניך, ימה וצפונה תימנה ומזרחה, וראה בעיניך כי ברא אלה? לו תעבוד ולשמו, ומלאכתו תעשה קבע, ומלאכתך עראי, ודאג תמיד על חטאתך, כמו שנאמר (יד) אשרי אדם מפחד תמיד ואמרו שמפחד מעבירות שבידו ומבקש עליהם רחמים שימחלו לו, ויזהר מלעשות כדבר הרע הזה עוד ושב ורפא לו, ואל תלך יותר בדרכי לבך כי אם ביראת

השם

### מראה מקומות

(יא) דברים י״ח: (יב) משלי א׳: (יג) דברים ג׳: (יד) משלי כ״ח י״ד:

## זעהר וויכטיגע און נוצליכע לעהרונג

ווען מיר טרינקען זיסע זאכען און מיר ווילען עסען פעטע זאכען, דער נארישער מענטש עסט נישט וואסערדיג זיך, און ער בייסט דאס ברויט אזוי ווי אהונד נישט זאגענדיג די ברכה המוציא, זייער טיש איז פול מיט אומריינקייט, און גאט געדענקען זיי גאר נישט, און דאוועגען נישט פונ׳ם טיפען הארצען, ווען זייער הארץ איז נישט פערבינדען מיט זיי צו גאט, נאהר זיי טוהן נאך דאס פירהונג פון זייערע עלטערען, און צליעב דעם כבוד פון מענטשען, און זייער הארץ, איז פעסט געזונד, זיי זינגען און הולען אין די טרינק הייזער און זיי זארגען גארנישט פונ׳ם טאג פון שטארבען, און פונ׳ם טאג ווען עס וועט זיין זייער יום הדין, און פאר דעם דין פון גיהנם, און זייער געפיהל איז א הולע און זייער האנד איז דערהויבונג און זיי ווייסען גאר נישט א זיי האבען אויף זיך אן אייבער האר גאט, זיי שפרינגען ארום צום שרייטען אזוי ווי די שטימע פון די דערנער וואס ברענט אונטער׳ן קעסעל, און זאגען מיר זעגען אויך פון האלץ, און זיי פעלשען אלע טאג הונדערט פעלשונגען, אדער נאך מעהר, דען זיי עסען און

האבען

ספר חסידים תנינא

השם, ובדקדוק מצותיו, ובפרישות ובענוה ובטהרה ובקדושה ובחסידות תחשוב כל היום :

ו. **ואל** תאמר אלכה נא ואראה איכה יעבדו ויתנהגו רוב העולם, ואעשה כן גם אני, לא תעשה כמעשיהם, איש כל הישר בעיניו, ולא בעיני אדוניו, ולא תעשה כן לד' אלקיך, כי במקום אשר בחר ד' אלקיך, חדר בתוך חדיר להחבא, שמה תשב, ותהגה בתורתו, ושמ"ת חוקיו ומשפטיו, ודקדוקי חכמיו :

ואל

## זעהר וויכטיגע און נוצליכע לעהרונג

האבען פערגעגען פון דעם וואס גאט האט בעשאפען אן א ברכה, און ווי טוהן נישט לויבען און בעטען צו גאט, און שווערען אומזיסט אין גאט'ס נאמען אויף גאר נישט, און זיי פארכטען זיך גאר נישט צו טהון שאדען צו מענטשען און עפענטליך און פערבארגענהייט שטופען זיי אוועק דאס גלויבונג אז די שכינה איז פול די גאנצע וועלט. דאס זענען אלץ די וועגען פון א רשע דאס זייערע שלעכטע וועגען ווייסט נישט גאט, ער זאל זיי שטראפען, דאס טראכט דער רשע :

## און דאס זענען די וועגען פון גאט'ס פארכטיגען מענטש

ח. **ואתה**, און דו מיין קינד גאט האט דיר אזוי נישט געגעבען אין דיין הארצען, דו וואלסט זיך נישט פיהרען אזוי ווי זיי, און דו זאלסט נישט געמען קיין אנטהייל אין זייער קאמפאניע. דו זאלסט זיך מיט זיי נישט חבר'ן, דו זאלסט דערווייטערען דיינע פיס פון זייערע וועגען. נאר אלע דיינע געדאנקען און קלערונגען זאלען נאר זיין צו דער גרייכען די וועגען פון קלוגען מענטש, דהיינו, פריהער זאלסטו ערפיהלען אלץ וואס עס איז נאר מעגליך, פון חומש און פון נביאים און פון כתובים און דערנאך זאלסט דו ערפיהלען, אלץ וואס עס איז נאר מעגליך, פון גמרא, און פון יעדער זאך וואס די ווערסט נאר קענען פון דארטען ארויס ציהען פרומקייט, זאלסטו פון יעדער זאך זיך אפ לערנען מורא צו האבען פאר גאט, און זאלסט איהם דינען, און זאלסט דיך נישט מאכען אזוי ווי א בהמה, אז דיינע בעשעפטונגען זאלען זיין נאר אויף דעם פערגעניגען פון דער וועלט, וואס דאס איז נאר א צייטווייליגע לעבונג, ווייל חאטש דו ביזט דא אין היינטיגען טאג, פון דעסטוועגען איז מעגליך אז מארגען זאלסטו זיין אין קבר, דען די וועלט איז דאך אזוי ווי א דורכפליהענדיגער חלום, וואס באלד ווערט ער נישט, נאר דו זאלסט אנפהייבען דיינע אויגען אין מזרח און אין מעריב, אין צפון און אין דרום, און דו זאלסט קוקען מיט דיינע אויגען, ווער האט דאס אלעם בעשאפען את דעם בעשעפער זאלסט דו דינען און צו זיין ליעבען נאמען זאלסט דו אלץ טהון, און די ארבייט פאר איהם זאלסט דו מאכען א בעשטימטע זאך, און די ארבייט פאר דיר זאלסטו מאכען פאר א צופעליגע זאך, און דו זאלסט שטענדיג זארגען אויף דיינע זינד, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק, אשרי אדם מפחד תמיד

דאס

ספר חסידים תנינא

ז. **ואל** תחשוב אין לי לעשות כי אם לישב ולגרוס תדיר בתלמוד, ואקיים והגית בו יומם ולילה, ומה לי למצות ולדקדוקיהם, אל החשוב כן כי אז נדמית שאתה עושה להכעיס שאתה יודע ומכיר בטיבו של מצות ומתכוין להכעיס:

ח. **והנה** אמרו רז"ל (טו) ששגגתך יחשבו לך לזדונות, לכן תצטרך לעשות הרחקות וסייגים ושניות ומשמר למשמרת למצות, שלא תבא לידי שום נדנוד עבירה:

ואל

מראה מקומות

(טו) אבות פ"ד, ב"מ ל"ג:

## זעהר וויכטיגע און נוצליכע לעהרונגג

דאָס איז טייטש. וואויל איז דעם מענטש וואס ער שרעקט זיך שטענדיג. האָבען די הייליגע חז"ל געזאָגט אז דאס מיינט מען דעם מענטש וואָס שרעקט זיך צוליעב די זינד וואָס ער האָט געטהון און ער בעט דערבארעמקייט פון גאָט אז ער זאָל איהם דאָס מוחל זיין, און ער זאָל זיך היטען אז ער זאָל שוין מעהר נישט טהון אזעלכע שלעכטע זאכען, וועט מען איהם מוחל זיין. און מעהר זאָלסטו שוין נישט גיין אין די וועגען וואס דיין הארץ גלוסט, נאר אין גאָטס פאָרכטיגע וועגען, און צו פילעוועען דיינע מצות, און זיין אָפּ געשיידט פון דער וועלט, און זיין א ענו, און זיין א ריינער מענטש. און זיך פיהרען אין חסיד'ישען וועג, וועגען די אלע זאכען זאָלסטו טראכטען א גאנצען טאָג:

ז. **ואל** און דו זאָלסט נישט זאָגען איך וועל זיך צו קוקען ווי אזוי טהון און פיהרען זיך דאָס רוב וועלט, וועל איך אויך טהון אזוי ווי זיי, ניין! זאָלסט דו נישט טהון אזוי ווי זיי וואָס יעדערער טהוט אזוי ווי איהם געפעלט אין זיינע אויגען, אָבער נישט אין די אויגען פונ'ם האר פון דער וועלט. זאָלסטו אזוי נישט טהון צו דיין גאָט, נאר אינ'ם ארט, וואָס גאָט האָט אויס-דערוועהלט, א שטוב אין א שטוב זיך צו בעהאלטען, זאָלסטו דאָרטען זיצען, און לערנען תורה, און זאָלסט היטען זיין געבאָט, און אלץ וואָס די הייליגע חז"ל האָבען אָן געזאָגט:

ז. **ואל.** און דו זאָלסט נישט טראכטען איך דארף מעהר נישט טהון, נאר שטענדיג זיצען און לערנען גמרא, און איך וועל מקיים זיין די מצוה פון והגית בו יומם ולילה, אז די תורה דארף מען לערנען טאָג און נאכט און צו וואָס זאָל איך נאָך פילעוועען צו טהון מצוה, זאָלסטו אזוי נישט טראכטען, ווייל דעמאָלט איז גלייך אזוי ווי דו טהוסט אויף צו להכעיס, דו ווייסט און פערשטעהסט דאָס גוטסקייט פון די מצות, און דו טהוסט זיי נישט איז נאָר אזוי ווי דו טהוסט צו דערצעהרנען גאָט ברוך הוא:

ח. והנה. די הייליגע חז"ל האָבען געזאָגט אז דאָס וואָס דו זינדיגסט ווייל דו ווייסט נישט ריכטיג

די

ספר חסידים תנינא

ט. **ואל** תאמר אתן כל עסקי לקיים דברי כתובים, אבל דברי חכמים אינו חמור כל כך, אל יעלה לבבך כן, כי התבונן בנוהג שבעולם שעבד מלך במלך אם יצוה המלך לעבדיו, הטו אזניכם לפלוני זה, לכל אשר יצוה אתכם, ושמוע תשמעו בקולו אפי' אם קשה להם לעשות, הלא ישמרו ציווי אותו האיש כמצות המלך עצמו, כי כן צוה לו המלך, כך הקב"ה צוה לקיים דברי חכמים, והיכן ציונו, כדאמרינן במס' שבת (ט"ז) חד אמר מלא תסור מכל הדברים אשר יגידו לך, ואחרינא אמר מהכא זקינך ויאמרו לך, ואומר התם במס' ע"ז (י"ז) כי טובים דודיך מיין, (י"ח) אמרה כנס"י לפני הקב"ה עריבים עלי דברי דודים יותר מעיקרה של תורה, ואומר בפ"ב דחגיגה (י"ט) מסרן הכתוב לחכמים גבי מלאכת חושים:

וכו

מראה מקומות

(טז) דף כ"ג: (יז) דף ל"ה: (יח) ע"ז דף ל"ה: (יט) דף י"ח:

## זעהר וויכטיגע און נוצליכע לעהרונג

די דינים, ווערט דאָס גערעכענט אַזוי ווי דו האָסט דאָס געטהון פלייסיג דרום דאַרפסט דו מאַכען דערוויַיטערונגען און צוימען און גרעניצען און היטונגען אויף אָפּ צו היטען די מצות, אז דו זאלסט נישט קומען צו קיין ספק עבירה:

ט. **ואל**, און דו זאָלסט נישט זאָגען איך וועל זעהן מיט אַלע מעגליכקייטען צו ערפילען אַלץ וואָס עס שטייט אין תנ"ך, אָבער דאָס וואָס די חז"ל האָבען אָן געזאָגט איז נישט אַזוי הארב, זאָלסטו אַזוי נישט אויפ ברענגען אויפ'ן האַרצען, דו דאַרפסט צו פערשטעהן אַז דער פיהרונג פון דער וועלט איז אַז דער קנעכט פון קעניג איז גלייך אַזוי ווי דער קעניג, און אויב דער קעניג וועט אָן זאָגען זיינע קנעכט איהר זאָלט הערען וואָס דער מענטש וועט אייך זאָגען, און איהר זאָלט איהם פאָלגען, חאטש עס וועט אייך זיין שווער צו טהון, וועט מען דאָך געוויס היטען און פאָלגען אַלץ וואָס דער מענטש וועט הייסען פונקט אַזוי ווי דעם געבאָט פון קעניג זעלבסט, דען אַזוי האָט דער קעניג בעפוילען, אַזוי אויך האָט גאָט אָן געזאָגט אַז מען זאָל פאָלגען אַלץ וואָס די חז"ל האָבען אונז געהייסען, אַזוי ווי עס שטייט אין מסכת שבת (דף כ"ג) איינער זאָגט אַז ער האָט דאָס אָן געזאָגט דערמיט וואָס ער האָט געזאָגט לא תסור מכל הדברים אשר יגידו לך, דער טייטש איז דו זאָלסט נישט אָפּ קערען פון אַלע רייד וואָס זיי וועלען דיר זאָגען, און איינער זאָגט אַז גאָט ברוך הוא האָט דאָס אָן געזאָגט, דערמיט וואָס ער האָט געזאָגט זקניך ויאמרו לך, איז דער טייטש אַז דו זאָלסט פאָלגען וואָס דיינע אַלטע וועלען דיר זאָגען, און די גמרא זאָגט [אין מסכת עבודה זרה דף ל"ה] אויפ'ן פסוק כי טובים דודיך מיין, אַז די כנסת ישראל זאָגט צו השי"ת עס איז מיר זיסער די רייד פון דיינע פריינד, דאָס מיינט מען די הייליגע חכמים, נאָך מעהר ווי דער עיקר

פון

ספר חסידים תנינא

י. **וכי** תאמר בלבבך אלך אעשה מה שלבי חפץ כי מי יצילני מעונותי והאיך אכשיר מעשי ואיטיב פעלי, (כ) הלא במלאכיו ישים תהלה, וע״כ השמים לא זכו בעיניו וסביביו נשערה מאד, תחשוב בלבך שאינו שואל ממך כי אם ליראה אותו ולהגות בתורתו, ולשמור מצותיו וחוקיו אשר צוה ביד משה עבדו, ואשר דקדקי חכמיו וסופריו:

יא. **והכל** תעשה לשם שמים, כי רחמנא לבא בעי, והכי איתא בפרקי אבות (כא) דר׳ אלעזר אמר לב טוב, ונראה [דבריו] לרבו מדברי חביריו:

יב. **ומצות** הקלות תחשבנה בעיניך כחמורות, כמו שנאמר (כב) נעו מעגלותיך וגו׳

מראה מקומות

(כ) איוב ד׳: (כא) פרק ב׳ משנה ט׳: (כב) משלי ה׳:

## זעהר וויכטיגע און נוצליכע לעהרונגג

פון דער תורה, און די גמרא זאָגט [אין מסכת חגיגה דף י״ח] אַז גאָט ברוך הוא האָט איבער ניעגטפערט צו די חכמים אין האַנד אַז אַזוי ווי זיי וועלען זאָגען ביים דין פון חול המועד אַזוי זאָל זיין, וועליכע מלאכה מען מעג טהון אום חול המועד, און וועליכע מלאכה מען טאָר נישט טהון אום חול המועד:

י. **וכי.** און טאָמער וועסטו וועלען קלערען אין דיין האַרץ. ווי אַזוי איז מעגליך אַז מיינע מעשים זאָלען זיין רעכטפערטיג און גוט, אין זיינע אויגין וויל אפילו אין זיינע מלאכים, טהוט ער אויך מאַכען אַ צומישונג. צוליעב דעם וואָס אפילו זייערע מעשים געפעלען איהם אויך נישט, און דרום אפילו די הימלען זענען אין זיינע אויגען נישט ריין פון אלץ, און אויך די צדיקים וואָס זענען שוין אַרום איהם איז גאָט מיט די מדקדק אויב זיי פאַרפעלען עפּעס אַ קלייניגקייט ווי אַ האָר, שטראָפט ער זיי, זאָלסטו דאָס נישט קלערען, נאָר דו זאָלסט טראַכטין ביי דיר אין האַרץ אַז גאָט פערלאַנגט פון דיר נישט מעהר נאָר אַז דו זאָלסט פאַר איהם מורא האָבען, און דו זאָלסט לערנען זיין תורה און דו זאָלסט היטען זיינע מצות און זיינע געזעץ וואָס ער האָט נעבאָטען דורך משה׳ן זיין קנעכט. און וואָס עס האָבען אַרוים געדרונגען די היילינע חז״ל:

יא. **והכל.** און אַלץ זאָלסטו טהון צוליעב גאָטס וועגען, וויל גאָט פערלאַנגט נאָר דאָס האַרץ אַזוי ווי עס שטייט אין מסכת אבות (פרק ב׳ משנה ט׳) אַז רבי אלעזר האָט געזאָגט דערהויפט איז אַז מען זאָל האָבען אַ גוט האַרץ, און זיין רבי׳ן (רבי יוחנן בן זכאַי) זענען זיינע רייד געפעלען געשוואָרען מעהר פון אַלע רייד פון זיינע חברים:

יב. **ומצות.** און די גרינגע מצות זאָלען ביי דיר זיין גערעכענט טייער אַזוי ווי די האַרבע מצות. אַזוי ווי עס שטייט אין פסוק (משלי ה׳) נעו מעגלותיה לא תדע. גאָט האָט פער וואַנגלט

ספר חסידים תנינא

וגו׳ (כג) ועוד שהרי השווה הכתוב מתן שכר של שילוח הקן לכיבוד אב ואם שהוקש כבודם לכבוד המקום להודיע שאין אדם יודע מתן שכרן של מצוה ועוד שנא׳ (כד) עון עקבי יסובני, ואמרו חכמים (כה) עונות שאדם דש בעקביו בעוה״ז, ואינו חושב עליהן ומסבבין אותו למשפט לעולם הבא:

יג. **ואל** תחשוב כי כביכול אינו רואה ח״ו מעשיך, [הטובים] כי הקב״ה רואה מעשיך [הטובים] ומטיב לכל העולם בעבורך (כו) כדאמרינן התם כל העולם לא נברא אלא לצוות לזה, לכן התחפש והפשפש תדיר במעשיך והצנע לכת עם אלהיך והתהלך לפניו:

יד. **והי׳** תמים בצניעות בחדרי חדרים כמו בשוקים וברחובות, כי כן אמרו חכמים במס׳

מראה מקומות

(כג) תנחומא פ׳ עקב, ועי׳ קידושין דף ל״ט ע״ב: (כד) תהלים מ״ט ו׳: (כה) ילקוט שמעוני תהלים רמז תשכ״ח (כו) ברכות דף ו׳: שבת דף ל׳:

## זעהר וויכטיגע און נוצליכע לעהרונגג

וואָגעלט דעם שטעג פוג׳ם לוין פון די מצוות כדי דו זאָלסט נישט וויסען פאַר וועלכע מצוה מען גיט אַ גרויסען שכר און פאַר וועלכע מצוה מען גיט אַ קלענערען שכר, זיי אַלע זאָלען ביי דיר זיין גלייך. נאָך זעהט מען אַז השי״ת האָט געגליכען דעם לוין פון דער מצוה פון שלוח הקן צום לוין פון דער מצוה פון כבוד אב ואם. וואס דער כיבוד פון די עלטערען איז געגליכען צום כיבוד פון גאָט ברוך הוא כדי דיר צו מאַכען וויסען אַז אַ מענטש ווייסט גאָר נישט וועלכען לוין מען וועט געבען פאַר יעדע מצוה, אויך שטייט אין פסוק (תהלים מ״ט ו׳) עון עקבי יסובני, די זינד פון מיינע טריט טוהן מיך אַרום רינגלען האָבען די חז״ל געזאָגט די זינד וואָס אַ מענטש טרעט מיט די פיס אויף דער וועלט, און ער קימערט זיך נישט וועגען זיי, ווייל זיי זענען ביי איהם גרינג ווי רינגלען איהם ארום צום משפט אויף יענער וועלט. דרום זאָל ביי דיר חשוב זיין אַ גרינגע מצוה, פונקט אַזוי ווי אַ האַרבע מצוה:

יג. **ואל**. און דו זאָלסט נישט טראַכטען אַז די גרינגע מצות זענען ווייניג ווערט ביי גאָט ווייל גאָט זעהט דיינע אלע מעשים, און נאָך ער פאַרגינטוגט צו די גאַנצע וועלט צוליעב דיר. ווייל דו דינסט איהם, ווייל קען דען זיין ח״ו אַז ער זעהט נישט דיינע מעשים, אַזוי ווי די גמרא זאָגט (אין מסכת ברכות דף ו׳) כל העולם לא נברא אלא לצוות לזה, צוליעב איין צדיק וואָס דיענט גאָט עהרליך האָט גאָט בעשאַפען די גאַנצע וועלט אַז זיי זאָלען איהם בעדיענען, דרום זאָלסט שטענדיג בעקלערען דיינע מעשים, און זאָלסט זיך פיהרען פערבאָרגענערהייט מיט גאָט, און זאָלסט פאָלגען זיינע רייד:

יד. **והי׳**. און זאָלסט אינגאַנצען זיך פיהרען בעהאַלטענערהייט אין פערמאַכטע צימערען וואָס קיינער

ספר חסידים תנינא

במס׳ ביצה (כז) כל שאסור משום מראית העין אפי׳ בחדרי חדרים אסור, ועוד אמרו בפ״ב דחגיגה, (כח) כל העובר עבירה בסתר כאלו דוחה רגלי השכינה, שחושב בלבו שאין השכינה שם, והלא מלא כל הארץ כבודו ועיניו משוטטות בכל מקום אשר תדרוך כף רגלך:

טו. **וא״ת** הרי התורה אמרה עפ״י שנים עדים יקום דבר, ואינך נדון על עבידות שאתה עושה ביחידי, הרי כתיב עדים, (כט) היינו עציך ואבניך שבקירות ביתך יעידו בך, כדכתיב (ל) אבן מקיר תזעק וגו׳, אוי לבית שמהרסיו ימזריביו הם מתוכו, ואף מלאכי השרת המלווין אותך יהפכו לאויב לך, והם יהיו בך בראשונה להעיד בך כדאיתא באין דורשין, ואפי׳ נשמתך תעיד בך, ועליה נאמר גם איש שלומי אשר בטחתי בו וגו׳:

הנה

מראה מקומות

(כז) דף ט׳: (כח) דף ט״ז: קידושין דף ל״א: (כט) חגיגה ט״ז: (ל) חבקוק ב׳:

## זעהר וויכטיגע און נוצליכע לעהרונגג

קיינער זעהט נישט, פונקט אזוי ווי דו וואלסט זיך געפילעוועט אין רוישענדיגע גאסען דען אזוי האבען די חז״ל געזאגט אין מסכת ביצה (דף ט׳) יעדער זאך וואס מען טאר נישט טהון צוליעב וואס יענער זעהט טאר מען דאס זעלבע נישט טהון אפילו אין פערמאכטע צימערען, אויך האבען די חז״ל געזאגט אין מסכת חגיגה (דף ט״ז) דער מענטש וואס איז עובר א עבירה בעהאלטענערהייט איז גלייך ווי ער וואלט אפ געשטויסען די שכינה, דען ער טראכט דאך אין הארצען אז דארטען איז נישט דא די שכינה, און באמת איז דאך אויף דער גאנצער וועלט פול דער כבוד פון גאט, און זיינע אויגען שוועבען אויף יעדען ארט וואס א מענטש גיט נאר א טרעט:

טו. **ואם תאמר.** און דו זאלסט נישט זאגען די תורה האט דאך געזאגט אז דורך צוויי עדות זאל ווערען בעשטעטיגט יעדע זאך דרום וועט מען נישט ווערען געמשפט אויף די זינד וואס מען טהוט איינער אליין, ניין! דרום שטייט אין פסוק (חבקוק ב׳) אבן מקיר תזעק וכפיס מעץ יעננה טייטש די גמרא (חגיגה ט״ז) דעם פסוק אז א שטיין פון דער וואנד וועט שרייען, און דער שפאן פון באלקען וועט עדות זאגען אויב מען האט ח״ו געזינדיגט, וועה איז צו א שטוב וואס די צו שטויסער און חרוב מאכערס זענען פון איהר אליין, אויך די מלאכים וואס בעגלייטען דעם מענטש וועלען ווערען איבער געקעהרט און וועלען ווערען זיינע פיינד, און זיי וועלען זיין די ערשטע עדות צו זאגען געגען איהם, און אויך אפילו די נשמה וועט אויך עדות זאגען און אויף איהר שטייט גם איש שלומי אשר בטחתי בו הגדיל עלי עקב דער טייטש איז אויך מיין פריעדליכער מענטש וואס איך האב זיך אין איהם פערזיכערט, האט אויף מיר געגרייסט זיינע טריט אויף מיר עדות צו זאגען:

הנה

ספר חסידים תנינא

טו **.הנה** העדותי בך היום והגדתיך מה יקרך באחרית הימים אם לא תשמע לעצתי (לא) על כן מי לה' אלי, ויאספו לי כל איש חרד ברבר אלהים, וילבב כל איש נבוב להתחזק על יצרו הרע לכופו וישמור נפשו ממנו:

יו . **ודע** כי לא תוכל להמלט ממנו אם לא תעשה משמרת למשמרת, כי כן אמרו חכמים המושלים, מן גנב שבבית קשה לשמור, לכן התגבר עליו כי כאיש גבורתו ותדרוך על במותיו, ותהגה תמיד בתורת השם, ובזה תבריח היצר ממך, כי כן אמרו חכמים, בהשותפין (לב) התורה תבלין ליצר הרע אם פגע בך מנוול זה משכהו לבית המדרש אם הוא אבן נמוח וכו', וכי בשביל למלאות תאותך רגע אחד תעשה עבירה להנאות גופך ויצרך ותפסיד העולם הבא וכל טוב הצפון לצדיקים לעתיד לבא עין

מראה מקומות

(לא) עזרא ט'; (לב) ב"ב דף ט"ז קידושין דף ל';

## זעהר וויכטיגע און נוצליכע לעהרונג

טז. הנה. איך האב דיר היינט דערצעהלט און אויסגעזאגט וואס עס וועט דיך טרעפען אין די קומענדיגע טעג, אויב דו וועסט נישט פאלגען מיין עצה, דרום וועלכער מענטש ער האט מורא פאר גאט זאל קומען צו מיר, און זאלען זיך צו מיר צונויף זאמלען אלע פרומע מענטשען, און עס זאל זיך בעהארצען יעדער קלוגער מענטש צו שטארקען זיך אנטקעגען דער יצר הרע און איהם צו נייטען אז ער זאל נישט אן רעדען צו טהון שלעכטס און דיא זאלסט זיך היטען פאר איהם:

יז. ודע. און דו זאלסט וויסען אז מען קען נישט בעשערעמט ווערען פון יצר הרע אויב מען מאכט נישט א היטונג צו א היטונג, ווען אזוי האבען געזאגט די חכמים א משל אז פון א שטיב גנב קען מען זיך נישט איינהיטען, דרום זאלסטו זיך אויף איהם שטארקען, ווען ער האט נאר א מענטשליכען שטארקייט. און דו קענסט טרעטען אויף זיינע הייך, און דו זאלסט שטענדיג לערנען גאט'ס תורה און דערמיט וועסטו מאכען אנטלויפען פון דיר דעם יצר הרע, ווען אזוי האבען די חז"ל געזאגט אין מסכת בבא בתרא [דף ט"ז] די תורה איז צום יצר הרע אזוי ווי בשמים, און אויב עס האט דיך געטראפען דער פאסקודניק זאלסטו איהם אריין ציהען אין בית המדרש אריין אויב ער איז א שטיין וועט ער ווערען צוריבען, און אויב ער איז א אייזען וועט ער ווערען צו קלאפט, היתכן איז דען רעכט אזוי אז צוליעב דעם וואס דו וועסט ערפילען דיין גלוסטונג איין סעקונדע אין טוהן אנ'עבירה צו פריעדען צו שטעלען דיין יצר הרע און דיין קערפער, און דורכדעם וועסטו אן ווערען די עולם הבא און אלעם גוטס וואס עס איז בעהאלטען פאר צדיקים אין דער צוקונפטיגער אייביגען וועלטן וואס קיין אויג האט דאס נישט געזעהן, אויסער גאט, אלץ וואס ער וועט טוהן צו די מענטשען

וואס

ספר חסידים תנינא

(לג) עין לא ראתה אלהים זולתך יעשה למחכים לו, אין זה כי [אם] רוע לב וזדון יצרך הרע, הלוכדך ברשתו, וטמן פח לרגליך להכשילך ולהפילך בגיהנם:

יח. **ותחשוב** בלבך אפי׳ אם תמלא משאלות יצרך כל ימי חייך הלא אינו כי אם שבעים שנה ואם בגבורות שמונים שנה ואפי׳ פ׳ שנה אינן כדאי אפי׳ נגד הצער והיסורין של רגע אחד מרגעי רגעים בהימים הבאים אחר מיתתך שתהיה בהם בצער וביסורין, וכי לא נאה לך לכבוש עצמך ולמנוע גופך מכל וכל אשר יתאוה לרעה [בימי] ימי חייך שהוא כרגע וכחלום יעוף, ותנחל את כל הטובה אחר מיתתך בגן עדן עם הצדיקים:

יט. **כי** זכור נא דוגמא בנוהג שבעולם אם יאמר לך אדם הבחן בכור עוני, ותהיה בעינוי וצער שנה אחת ואבטיחך שתהיה אחרי כן כל ימיך בעושר ובשלוה ובהשקט הלא תבחר להיות מיצר עכשיו ולהיות שמח לאחר זמן אע״פ שאינך יודע אם

מראה מקומות

(לג) ישעי׳ ס״ד;

## זעהר וויכטיגע און נוצליכע לערנונג

וואָם האָפען צו איהם. דאָס איז נאָר צוליעב די שלעכטקייט פון דיין האַרץ און די אָנרעגעניש פון דעם שלעכטען יצר הרע, וואָס ער האָט דיך געפאַנגען אין זיין שוטץ, און ער האָט אונטער גימיניוועט אונטער דיינע פיס כדי דיך צו שטרויכלען, און דיך אריין צו וואַרפען אין גיהנם

יח. **ותחשוב.** און דו דאַרפסט זיך בעטראַכטען אין האַרצען אַז אפילו דו וועסט ערפילען דעם פערלאַנג פונ׳ם יצר הרע אין דיין גאַנצען לעבען, איז דאָך דאָס נישט מעהר פון זיבעציג יאָהר און אויב דו וועסט שוין זיין גאָר אַ שטאַרקער וועסטו לעבען אַכציג יאָהר און אפילו אַז דו וועסט לעבען אַכציג יאָהר זענען זיי דאָך אויך נישט כדאי אפילו אַנטקעגען איין רגע פון די פיעל קומענדיגע יסורים און שמערצען וואָס דו וועסט ליידען אין די קומענדיגע טעג נאָך דיין טויט, וואָס דו וועסט דעמאָלט האָבען שמערצען און יסורים. דרום איז דען נישט גלייכער פאַר דיר אַז דו זאָלסט זיך איינהאַלטען און דו זאָלסט דיין קערפער פערמיידען פון אַלע שלעכטע זאַכען וואָס ער מאַכט דיך טוהן גלוסטען אין דיין לעבען וואָס דאָס איז נאָר אזוי ווי איין סעקונדע, אין אַחלום און דערפאַר וועסטו ירש׳ענען אַלדעם גוטס נאָך דיין טויט אין גן עדן מיט די צדיקים:

יט. **כי.** דען בעטראַכט זיך נאָר אַז אויב אַ מענטש וועט דיר זאָגען אַז דו זאָלסט ווערען געפּרובט מיט אָרעמקייט, אַז דו זאָלסט זיין אין דעם אָרעמקייט שמערצען איין יאָהר, און איך וועל דיר צו זאָגען אַז דערנאָך וועסטו זיין דיין גאַנץ לעבען אין רייכקייט און רוהיגקייט, וועסטו דאָך געוויס אוים קלייבען צו ליידען יעצט אַביסעל שמערצען כדי דערנאָך צו האָבען אפרעליכען

ספר חסידים תנינא

אם תוציא שנתך אם לאו כ"ש וכ"ש שטוב לך למנוע עצמך מלחטוא בחייך שהוא [שעה] קלה נגד העולם הבא:

כ. **ובאשר** תתחיל לכבוש רוחך להעיז פניך נגד היצר ימנע מלהסיתך ומלהשיאך עצה רעה. כאדם היועץ לחברו אם רואה שאינו הולך אחר עצתו מניחו והולך לו לכן יהא כוונתך למרוד ולהעיז מצחך נגדו.

כא. **ואל** תשמע ואל תאבה לו. אפי' לדבר קטן שהוא ריח נדנוד עבירה. כי אם יראה שאזניך פתוח לו לדבר קטן. יסיתך לדבר גדול יותר. כאדם הרואה. שעצתו מקובלת ומוצאת חן בעיני חבירו יועצו תמיד בכל יום ויום.

כב. **ואם** תאמר למה משליט המקום היצר הרע להחטיא האדם הלא [לא] אל חפץ רשע [אתה] ולא יגורך רע. דע כי הקב"ה יצר את היצר לנסותך והתשמור מצותיו

## זעהר וויכטיגע און נוצליכע לעהרונג

א פרעהליכען לעבען, וואָטש דו ווייסט נאָר נישט אויב דו וועסט אוים לעבען דאָס יאָהר. א כל שכן און א כל שכן אַז עס איז פאַר דיר גלייכער אַז דו זאָלסט זיך פערמיידען נישט צו זינדיגען ביי דיין לעבען, וואָס דאָס איז נאָר אַ קורצע צייט, אנטקעגען דעם עולם הזה. וועסטו דערפאַר האָבען דעם איביגען עולם הבא. און דעם גרויסען פערגעניגען אין גן עדן:

כ. **ובאשר.** און אויב דו וועסט נאָר אָנהייבען איין נעמען דיין גלוסטקייט און דו וועסט, מעיז זיין אַנטקעגען דעם יצר הרע, וועט ער שפּעטער אין גאַנצען אויפהערען דיך איבער צו רעדען שלעכטע עצות. פונקט אַזוי ווי. אַז אַ מענטש גיט עמיצען אַן עצה, און אַז ער זעהט אַז יענער פאָלגט איהם נישט לאָזט ער איהם אָפּ און גייט שוין פון איהם אַוועק, דרום זאָלען זיין אַלע דיינע געדאַנקען ווידער צו שפּעניגען און מעיז זיין אַנטקעגען דעם יצר הרע:

כא. **ואל.** און דעם יצר הרע זאָלסטו גאָר נישט הערען און גאָר נישט פאָלגען, אפילו די קלענסטע זאַך וואָס דאָס איז נאָר אַ ריח פון אַ ספק עבירה, דען אַז ער וועט זעהן אַז דיינע אויערען זענען אָפען צו הערען איהם צו אַ קליינע זינד, וועט ער דיר דערנאָך איין רעדען אַז דו זאָלסט טהון אַ גרעסערע זינד, פונקט אַזוי ווי אַז אַ מענטש זעהט אַז זיין עצה ווערט אָן גענומען, דען זי איז געפעלען געוואָרען זיין חבר, גיט ער איהם אַלע טאָג נאָך אַן עצה:

כב. **ואם.** און דו זאָלסט נישט פרעגען צו וואָס האָט גאָט געמאַכט געוועלטיגען דעם יצר הרע אַז ער זאָל מאַכען זינדיגען דעם מענטש, גאָט וויל דאָך נישט אַז מען זאָל זינדיגען און ביי איהם וואוינט נישט קיין שלעכטס. זאָלסטו וויסען אַז גאָט האָט בעשאַפען דעם יצר הרע כדי דיך צו פרובען, אויב דו וועסט היטען צו טהון דיינע מצות צו נישט, און אַז דו וועסט היטען צו טהון מצות וועט דיין לוין זיין טאָפּעל אויף יענער וועלט, אַזוי ווי די גמרא זאָגט אין מסכת עבודה זרה (דף י"ז) אַז איין אמורא האָט געזאָגט צום צווייטען לאָזען מיר זיך

דורך

ספר חסידים תנינא

מצותיו אם לא. ולהיות שכרך כפול ומכופל לעתיד לבא. כדאמרינן במסכת (לד) ע"ז דאמ' רבנן חד לחבריה ניזל אפיתחי' דבי זונות ונכוף יצרא ונקבל אגרא.

כג. **הלא** ידעת אף שמעת שהיצר מתגרה בגדולים יותר מבאחרים כדאמרינן (לה) במסכת סוכה כל הגדול מחבירו יצרו גדול מיצר חבירו. וכל כך למה כדי לכפול שכרו וטובתו לעולם הבא. אם יחזקו [על] יצרם:

כד. **כי** מה יש להחזיק טובה לאדם אם ימניע עצמו מדבר שאינו מתאוה. אך אם יצרו מתאמץ להכשילו, והוא מתחזק למולו, לבלתי שמוע לו. אז אשרי חלקו וגורלו עם הצדיקים יהיה זבולו, בבית ה' בהיכלו, כבוד אומר כולו.

כה. **ובתפלתך** תתנהג בכל הסדר שתמצא בספר חיי העולם שיסד ר' יצחק, ועוד תוסיף כהנה וכהנה להיות אימת מלכות עליך בלי לנהוג קלות

מראה מקומות

(לד) י"ז (לה) נ"ב:

## זעהר וויכטיגע און נוצליכע לעהרונג

דורך גיין דורך דער טהיר פון זונות און מיר וועלען איבערשטארקען דעם יצר הרע, וועלען מיר נעמען דערפאר שכר:

כג. **הלא.** דו ווייסט דאך געוויס, און האסט דאך געוויס געהערט, אז דער יצר הרע רייצט זיך מעהר ביי גרויסע מענטשען ווי ביי געוועהנליכע מענטשען, אזוי ווי די גמרא זאגט אין מסכת סוכה [דף נ"ב] כל הגדול מחבירו יצרו גדול ממנו, איז טייטש אז וואס דער מענטש איז גרעסער פון זיין חבר, איז דער יצר הרע אויך ביי איהם גרעסער, און דאס איז אלץ אום צו געבען איהם טאפעלען לוין און גוטס אויף יענער וועלט, אויב זיי וועלען זיך שטארקען אויפ'ן יצר הרע:

כד. **כי.** ווייל וואס קומט דען א מענטשען צו דאנקען אויב ער פערמייט זיך נישט צו טהון א זאך וואס עס גלוסט זיך איהם נישט צו טהון, אבער אויב דער יצר הרע שטארקט זיך אויפ'ן מענטש מיט אלע מעגליכקייטען איהם צו שטרויכלען, און דער מענטש שטארק זיך געגען איהם, נישט צו פאלגען איהם, דעמאלט איז וואויל זיין חלק און שיקזאל, זיין וואהנונג וועט זיין מיט צדיקים, אין גאט'ס שטוב, אין זיין פאלאץ, און מען וועט איהם געבען פיעל כבוד, און פיעל פערגעניגען אין גן עדן;

כה. **ובתפלתך.** אין דיין דאווענען זאלסט די זיך פיהרען (מיט'ן גאנצען ארדנונג אזוי ווי עס שטייט אין ספר חיי עולם, וואס ר' יצחק האט איהם מיסד געווען, און זאלסט נאך מעהרען) אז עס זאל אויף דיר זיין די פארכט פון גאט וואס ער איז א מלך מלכי המלכים הקב"ה, אז די זאלסט נישט נוהג זיין קיין קלות ראש בשעת'ן דאווענען, און דיין הארץ זאל זיין פערבונדען

## ספר חסידים תנינא

קלות ראש בעת תפלתך, ולבך יהיה נכון עם אלהיך שלא תחשוב מחשבה אחרת עת תעמוד לפניו להתפלל, כי אילו תעמוד לדבר לפני פחתך ותפסיק באמצע לדבר עם אדם אחר הירצך או הישא פניך (לו) הלא תהיה בעיניו כמתעתע ונמצאת פושע, כ"ש אם הרהרת הרהורים אחרים בשעת תפלתך הייטב בעיני ה', הלא הוא חוקר טוחות ובוחן כליות, ומבין סרעפי', ולפניו מחשבותיך כמוצא שפתיך, לכך ימעט כל איש רעיוניו פן יראה ה' ורע בעיניו.

כו. **ועוד** שהתפלה משולה לעבודה, כדכתיב (לז) דאנת פלח ליה בתדירה, ואין עבודה אלא הפירוש תפלה, (לח) וכשם שהעבודה נפסלת במחשבת פיגול, אם יחשוב הכהן בשעת שחיטת קרבן לזרוק הדם חוץ למקומו או חוץ לזמנו, הקרבן נפסל, כך התפלה

### מראה מקומות

(לו) ברלאשית כ"ז (לז) דניאל ו' (לח) משנה זבחים פ"ב

## זעהר וויכטיגע און נוצליכע לעהרונגג

פערבונדען מיט גאט, דו זאלסט נישט טראכטען קיין פרעמדע געדאנקען בשעת דו שטעהסט פאר גאט און דאווינסט, ווייל ווען דו זאלסט שטיין און רעדען פאר א האר, און דו וואלסט אין דערמיטען איבער האקען, און אן הייבען צו רעדען מיט אנ'אנדערען מענטש, וואלט הען דער האר דיך בעוויליגט אדער ער וואלט הען דיר דאס געשענקט דו וואלסט דאך געווען אין זיינע אויגען אזוי ווי דו שפעטסט פון איהם, און ביזט דאך דערמיט א זינדיגער, א כל שכן אויב דו האסט געקלעהרט פרעמדע קלערונגען בשעת'ן דאווענען, קאן הען דאס גוט זיין אין גאט'ס אויגען הען ער פארשט די נירען און פרובט זיי וואס א עצות זיי טוהן געבען, און ער פערשטייט די געדאנקען, און ער ווייסט דאך אלע דיינע טראכטונגען, פונקט אזוי ווי דו זאלסט אלץ ארויס רעדען מיט'ן מויל, דרום זאל דעמאלט א מענטש מינערען זיינע געדאנקען אין וועלטליכע זאכען, הען גאט וועט דאס זעהן טאמער וועט דאס זיין שלעכט אין זיינע אויגען קאן ער דאך דיך שטראפען:

כו. ועוד. אויך ווייל דער דאווענען איז געגליכען צו דער עבודה פון בית המקדש, אזוי ווי אין פסוק שטייט, דאנת פלח לי' [דניאל ו'], דער טייטש איז וואס דו דיענסט איהם שטענדיג, מיינט מען דאך דארט דעם אויסדריק וואס דו דאווענסט פאר איהם שטענדיג, דרום פונקט אזוי ווי ביי עבודה ווערט דער קרבן פסול אויב מען טראכט שלעכטע געדאנקען, דהיינו אויב דער כהן טראכט בשעת ער שעכט דעם קרבן, צו שפריצען דאס בלוט אויסער דעם בעשטימטען ארט, אדער אויסער דער בעשטימטער צייט, ווערט דער קרבן פסול, אזוי אויך ווערט די תפילה פסול אויב מען טראכט פרעמדע געדאנקען, דרום איז זעהר גלייך או דו זאלסט איינהאלטען דיינע געדאנקען, און זיי זאלען שטימען גלייך מיט דיינע ליפצען, אין דער צייט

ספר חסידים תנינא

התפלה פסולה במחשבה אחרת, על כן יפה לך לעצור רוחך, ויכונו יחד שפתיך, עת עמדך לפני קונך, ולבך אל ימהר מחשבות אחרים להרהר.

כז (לט) **ותרויח** בין הדבקים של ק"ש, וגם במקומות אחרים (שתמצא בספר חיי עולם. וכן בספר היראה לרבינו יונה). דהיינו ספרו בגוים את כבודו שבחי ירושלים, את. ויראו העם, את. ויותר מהמה בני הזהר כגון ותקם, את. ולמדתם, אותם. ושמתם את דברי. בונה ירושלים, את צמח: [שלא יאמר ח"ו ביחד שיהא כחירף ח"ו כלפי מעלה משום שנראה כאומר בגוים מת ח"ו וכן הלאה] *)

כח. (מ) **ותן** לבבך להתפלל תפלה וק"ש בכוון הלב שישמעו אזניך כל אות שתוציא מפיך, ומאד הזהר לומר בבירור כל ברכות שתוציא בפירוש בכל ברכה וברכה מלכות ואזכרה, כי כל ברכה שאין בה מלכות ואזכרה אינה ברכה:

## ענין התפלה וענין מאה ברכות

כט. **ועתה** ישראל מה ה' שואל, (מא) אל תקרא מה אלא מאה, אי נמי מהכא הנה "כי כן" יבורך גבר, אל תקרא יבורך אלא יברך, מכאן שאדם חייב לברך מאה ברכות בכל יום:

ועתה

מראה מקומות

[לט] ברכות טו: [מ] ברכות יג: [מא] מנחות מג:

## זעהר וויכטיגע און נוצליכע לעהרונג

צייט וואס דו שטעלסט זיך פאר דיין באשעפער, און דיין הארץ זאל נישט טראכטען קיין אנדערע זאכען:

כז. **ותרויח.** און דו זאלסט מפסיק זיין ביי די ווערטער וואס אז מען זאגט זיי אין איינעם האט דאס א שלעכטען בעדייטונג. נאך ח"ו לעסטערען גאט'ס נאמען, און נאך דעם גלייכען דהיינו ביי די פרשיות פון קריאת שמע, אויך אין די אנדערע ערטער (וואס עס שטייט אין ספר חיי עולם), דהיינו, ספרו בגוים, את כבודו, אז מען זאגט דאס אין איינעם זאגט מען ח"ו בגוימת ח"ו כבודו אז"ו. שבחי ירושלים, את: ויראו העם, את. אויך זאלסטו זיין פארזיכטיג ביי ותקם, את. ולמדתם, אותם. ושמתם, את דברי, בונה ירושלים, את צמח:

כח. **ותן.** און דו זאלסט זיך אנשטרענגען צו דאווענען מיט הערצליכע כוונה, אז דיינע אויערען זאלען הערען יעדער אות וואס דו רעדסט ארויס מיט'ן מויל, און דו זאלסט זייער זיין געהיט ביי יעדער ברכה, צו זאגען דייטליך דעם שם, און מלכות, ווען א ברכה אז מען זאגט נישט דעם שם מלכות איז דאס נישט קיין ברכה:

## דעם געדאנק פון דאווענען און דעם געדאנק פון די הונדערט ברכות.

כט. **ועתה**, די גמרא זאגט אין מנחות [דף מ"ג] אויף דעם פסוק ועתה ישראל מה ה' שואל מעמך אל תקרי מה אלא מאה דער טייטש איז דו זאלסט נישט לייענען מה נאר

מאה

---

*) וכן בתיבת אלקיכם אמת ידגיש הא' של אמת היטב ולא המ' ח"ו שלא יהא כחירף וגידף ח"ו כמובן.

ספר חסידים תנינא

ל. **ואלו** הן: א) נטילת ידים. ב) ברכת ציצית. ג) אשר יצר. ד) המחזיר נשמות. ה) הנותן לשכוי. ו) גוי. ז) עבד. ח) אשה. ט) פוקח עורים. י) מתיר. יא) זוקף. יב) מגביה. *) יג) מלביש. יד) סומך. טו) רוקע. טז) הכין מצעדי. יז) שעשית לי. יח) אוזר. יט) עוטר. כ) נותן ליעף. כא) המעביר שינה. וגומל חסדים טובים. כב) מקדש שמך ברבים. כג) המלמד תורה לעמו. כד) אשר בחר בנו. כה) מלך מהולל בתשבחות. כו) ישתבח. כז) יוצר המאורות. כח) הבוחר בעמו. כט) גאל ישראל. ל) מגן אברהם לא) מחיה המתים. לב) האל הקדוש. לג) חונן הדעת. לד) הרוצה. לה) המרבה. לו) גואל. לז) רופא. לח) מברך. לט) מקבץ נדחי מ) אוהב צדקה. מא) שובר אויבים. מב) משען ומבטח. מג) בונה ירושלים. מד) מצמיח קרן. מה) שומע מו) המחזיר. מז) הטוב שמך. מח) המברך. לתפלת מנחה עוד י"ח הרי סו). סח) המעריב

## זעהר וויכטיגע און נוצליכע לעהרונג

